התורה ניט גילטיק ח"ו. איז אויך בנוגע צו די טענה, איז דא די הוראה פון קאמפיוטער:

די מענטשן וועלכע האבן אריינגעלייגט די כללים אין קאמפיוטער, האבן אויסגערעכנט די כללים בלויז בנוגע צו כמה ענינים, און אעפ"כ – נוצט מען דעם קאמפיוטער בנוגע לכמה וכמה שטחים, וועלכע זיינען בדומה צו ענינים וועלכע מען האט אויסגערעכנט, און ס'איז א דבר ברור אז אויך דער ענטפער און מסקנא וועלכע קומט ארויס בנוגע צו די ענינים (וועלכע זיינען בלויז בדומה צו די ענינים וועלכע מען האט אויסגערעכנט) איז א ריכטיקער.

*) און די זעלבע זאך איז בנוגע צו די ענינים פון חומ"צ. אז הגם מען איז טאקע ניט מחוייב צו זאגן אז בימים ההם האט מען געוואוסט די אלע פרטים וועלכע זיינען אנדעקט געווארן בתקופה האחרונה, פונדעסטוועגן וויבאלד אז תורה איז כולל אלע עניני העולם (ווארום תורה איז דאך די "דיפתראות ופנקסאות" דורך וועלכע עס זיינען באשאפן געווארן אלע עניני העולם (ב"ר בתחלתו)) – איז דאך במילא זיכער, אז פון תורה קען מען ארויסנעמען די ריכטיקע מסקנא אויך בנוגע להענינים שנתגלו בתקופה האחרונה.

כג. אזוי ווי דאס איז אין דעם ענין פון "קאמפיוטער" (אז מען קען פון אים ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה', כנ"ל באריכות), עד"ז איז אויך בנוגע אלע ענינים וועלכע זיינען נתגלה געווארן בזמן האחרון

– וואס מצד דערויף וואס "בשנת שש מאות שנה גו' נבקעו כל מעיינות תהום רבה" אין חכמת התורה, איז די שיריים ופסולה דערפון ארויסגעקומען אויך אין אנדערע חכמות, וואס זיינען (לעת עתה, איידער מען האט זיי אויסגענוצט אין קדושה) חכמות חיצוניות –

אז פון יעדער ענין וענין קען מען און דארף מען ארויסנעמען א הוראה אין עבודת ה', וכאמור לעיל אז אויך אין די עניני העולם דארף זיין דער "דעהו", ביז מען וועט צוקומען צו "מלאה הארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים".

* * *

כד. אזוי ווי דאס איז בנוגע צו ענינים כללים (אז מען קען פון זיי ארויסנעמען א הוראה בעבודת ה'), און ווי געבראכט פריער די דוגמא פון "קאמפיוטער" (וואס איז אן ענין כללי, וועלכן מען נוצט בכמה וכמה שטחים) – אזוי איז אויך בנוגע צו ענינים פרטים, וואס זיינען פארבונדן מיט זמנים מסויימים.

פון די ענינים פרטים וועלכע זיינען געווען בזמן האחרון, איז – וואס בחודש זה איז געווען א ליקוי לבנה. איז דאך פאראן אזוינע וואס כאפן זיך אן אין קשיוה – פרעגט מען א קשיא אין דעם ענין פון ליקוי לבנה:

די גמרא זאגט (סוכה כט, א) "בזמן שהחמה לוקה סימן רע לעכו"ם, לבנה לוקה סימן רע לשונאיהם של ישראל [ דער לשון "לשונאיהם של ישראל" איז בלשון סגי נהור ], מפני שישראל מונין ללבנה ועכו"ם לחמה".

צוליב וואס זאגט דאס די גמרא – איז דאך פארשטאנדיק בפשטות, אז

הנחה הה' בלתי מוגה

*) קטע זה – אינו ברור.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 232 הודפס ע״י א

(דאס איז ניט סתם א סיפור בעלמא, נאר) בכדי צו וויסן, אז בשעת עס טרעפט זיך א ליקוי לבנה, וואס איז "סימן רע לשונאיהם של ישראל", זאל מען תשובה טאן און מוסיף זיין בתומ"צ וכו׳, בכדי צו פארמיידן כו׳.

פרעגט מען אויף דעם די קשיא: ליקוי החמה והלבנה איז ניט קיין ענין שבדרך מקרה [באמת איז בכלל ניט שייך קיין מקרה ח"ו, יעדער מאורע איז בהשגח"פ. אבער ליקוי החמה והלבנה איז אזא ענין וואס אויך די וועלט רופט עס ניט מקרה], נאר ס׳איז אויסגעשטעלט ע"פ חוקי הטבע, ביז אז מען קען אויסרעכענען אין פאראויס ווען וועט זיין א ליקוי. און וויבאלד אזוי - איז דאך ניט פארשטאנדיק: ווי קען מען זאגן אז דער ליקוי איז א סימן כו׳ - בשעה אז דאס איז אזא ענין וואס איז ניט שייך צו פארמיידן אים, ווארום ער איז דאך <u>מוכרח</u> מצד חוקי הטבע?

און מצד די "קשיא" וואס ער האט זיך געכאפט, בארעכטיקט ער זיין הנהגה וואס ער איז ניט מקיים תומ"צ. וואס דער אמת איז, אז דאס וואס ער איז ניט מקיים תומ"צ איז עס (<u>ניט</u> מצד דערויף וואס ער האט "קשיות", נאר) "להיאבון"; ער וויל אבער בארעכטיקן זיינע תאוות דורך א "קשיא", טענה׳נדיק: וויבאלד ער האט געפונען איין זאך אין גמרא וואס איז "ניט ריכטיק" (ח"ו) איז מכאן ראי׳ אויך בנוגע צו אנדערע זאכן וועלכע שטייען אין תורה - אעפ"י אז בהתבוננות קלה, ווען מען טראכט אין דעם אפילו נאר עטליכע מינוט, זעהט מען, אז די גאנצע "קשיא" האט קיין יסוד ניט, וכדלקמן.

כה. דער ענין - אז ליקוי החמה והלבנה איז א זאך וואס עפ"י חוקי הטבע, און מען קען אויסרעכענען פריער ווען עס וועט זיין א ליקוי - איז א דבר <u>ברור</u>, אז חכמי ישראל האבן געוואוסט דערפון.

די אמוראים, ובפרט די תנאים (ענין הנ"ל אז ליקוי החמה והלבנה איז א סימן כו׳ שטייט אין א <u>ברייתא</u>, וואס איז געזאגט געווארן פון <u>תנאים</u>) זיינען געשטאנען אין א עיינגע פארבינדונג מיט חכמי אוה"ע שבזמנם, געפירט מיט זיי ויכוחים וכו׳ וועגן פארשידענע חכמות, ווי די גמרא דערציילט אין מס׳ בכורות (ה, ב) ובב"מ.

[און נאך מער באריכות - ווערט עס דערציילט אין ספרי דברי הימים פון חכמי אוה"ע, וואס זיינען געשריבן געווארן אין יענע צייט. וואס דארטן ווערט דערציילט כמה מאורעות (של ויכוחים) וואס ווערט ניט דערציילט אין גמרא, און אויך די מאורעות וואס ווערן יע דערציילט אין גמרא - זיינען דארטן מער בפרטיות. והטעם לזה: ווייל אין גמרא (תורה) ווערן דערציילט נאר די מאורעות ופרטים שיש בזה הוראה]

און וויבאלד אז דאס איז דאך הכל מודים אז דער חשבון בנוגע ליקוי החמה והלבנה איז געווען דאן מפורסם צווישן די חכמי האומות [יש אומרים, אז אויך פריער האט מען עס געוואוסט, נאר דאס איז געווען בלויז צווישן יחידי סגולה און מען האט עס ניט געוואלט מפרסם זיין. אבער בנוגע צו יענעם זמן איז דאס שוין זיכער געווען מפורסם צווישן די חכמי אוה"ע], איז דאך לא ימלט אז די ידיעה איז - אנגעקומען צו די תנאים וועלכע זיינען געשטאנען (כנ"ל) בקשר הדוק מיט די חכמי האומות בנוגע צו אלע חכמות, כולל (כמובן) חכמת התכונה.

ובפרט אז דער חשבון (בנוגע ליקוי המאורות) איז געווען דאן מפורסם אין אלכסנדרי׳ של מצרים, וואס דארט איז געווען דער באוואוס-טער גרויסער בית הכנסת פון טויזנטער אידן, וואס א גרויסער טייל פון

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 233 הודפס ע"י או

.יי זיינען געווען פארבונדן מיט חכמי ישראל (און זיי האבן דאך עולה לרגל געווען אין א"י) - איז דאך לא ימלט, אז מען האט ניט דערציילט צו די תנאים בנוגע לחשבון הנ"ל, ובפרט אז דער חשבון איז אן ענין אין חכמת התכונה וואס איז נוגע צו קידוש החודש,

כמו שהאריך הרמב"ם בהל׳ קידוש החודש אין די חשבונות פון חכמת התכונה, ווייל זיי זיינען נוגע לקדה"ח. און ער איז מסיים (שם ספי"ז) אז די חכמה איז געווען פריער בא אידן, עס איז מער ניט וואס "הספרים שחברו חכמי ישראל שהיו מבני הנביאים בני יששכר לא הגיעו אלינו כו׳".

מכל הנ"ל בקוד, אז די תנאים האבן געוואוסט אז דער ענין פון ליקוי המאורות איז אן ענין המוכרח מצד חוקי הטבע, און אז מען קען פריער אויסרעכענען אין וועלכן זמן עס וועט זיין דער ליקוי. - איז דאך מובן בפשטות, אז דאס וואס עס שטייט אין ברייתא (סוכה כט, א) אז ליקוי החמה והלבנה איז א סימן כו׳, איז ניט בסתירה צו דעם אז ליקוי החמה והלבנה איז מוכרח מצד חוקי הטבע.

כו. לכאורה האט מען געקענט זאגן די הסברה אין דעם:

דאס וואס דער ליקוי הלבנה איז א "סימן רע לשונאיהם של ישראל", איז דאס דוקא ווען מען זעהט דעם ליקוי. ווארום בשעת דער אויבערשטער וויל ווייזן צו אידן א "סימן" אז זיי דארפן תשובה טאן - מאכט ער דאך אז מען זאל זעהן דעם ליקוי.

ועפ"ז האט מען געקענט פארענטפערן קושיא הנ"ל: דאס וואס איז מוכרח מצד חוקי הטבע - איז דער ליקוי גופא, ס׳איז דאך אבער ניט מוכרח אז מען זאל זעהן דעם ליקוי, ווארום עס קען דאך זיין עננים וואס זאלן מסתיר זיין. ובמילא איז רעכט וואס די גמרא זאגט אז דער ליקוי איז א סימן כו׳ - וואס פון דעם איז א ראי׳ אז דאס איז ניט קיין דבר המוכרח נאר אפהייניגיק אין די הנהגה - ווייל בשעת די הנהגה איז כדבעי, איז דעמולט (אעפ"י אז דער ליקוי מוז זיין) טאקע ניטא דער סימן, ווארום ס׳איז דא עננים המסתירים.

אבער דער תירוץ האלט ניט אויס, ווייל:

א) ס׳איז דא ערטער וואו עס זיינען ניטא קיין עננים. אזוי ווי מצרים, למשל, וואס דארט איז ניטא קיין רעגן [אזוי ווי אין ארץ ישראל, וואס "למטר השמים תשתה מים"] נאר מען דארף אנקומען אז נילוס זאל עולה ומשקה זיין כו׳ - איז דאך דארטן ניטא קיין עננים, ובמילא, מוז מען דאך זעהן דעם ליקוי.

און מען קען ניט זאגן, אז בשעת אידן פירן זיך כדבעי - וועט דאן זיין א נס אז עס וועלן זיין עננים שיסתירו את הליקוי.

ב) ועיקר: דער טעם פון דעם וואס ליקוי החמה איז "סימן רע לעכו"ם" און ליקוי הלבנה "סימן רע לשונאיהם של ישראל" איז (כדאיתא בסוכה שם) "מפני שישראל מונין ללבנה ועכו"ם לחמה", און דאס וואס "ישראל מונין ללבנה ועכו"ם לחמה" איז ווייל "גדול מונה לגדול וקטן לקטן" (ב"ר פ"ו, ג),

דאס הייסט, אז דאס וואס ליקוי החמה איז סימן רע לעכו"ם און ליקוי הלבנה לישראל - איז עס מצד דעדויף וואס עכו"ם זיינען דומה לחמה און אידן זיינען דומה ללבנה

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 234 הודפס ע״י

[וואס דער דמיון פון אידן צו לבנה איז - "שהם עתידים להתחדש כמותה". וכשם ווי די שינויים שבלבנה - וואס ברגע שקודם המולד איז זי בהסתר לגמרי, "כי יפקד מושבך"; דערנאך ווערט דער מולד, "ונפקדת"; און דערנאך איז הולכת ומתגדלת ביז צו קיימא סיהרא באשלימותא - זיינען נים בנוגע צום עצם מציאות הלבנה, ווארום איר עצם מציאות איז אלע מאל בשוה, און דער דמיון איז נאר בנוגע לענין ה"מאור" שבה (דאס וואס זי לייכט), אז לפעמים איז זי בהעלם ולפעמים בגילוי,

אזוי איז אויך בנוגע אידן, אז אין זייער עצם מציאות - איז ניטא קיין שינוי. ווארום "בין כך ובין כך בני הם ולהחליפם באומה אחרת אי אפשר". וואס הגם דער אויבערשטער איז כל יכול - האט זיך אבער דער אויבערשטער מגביל געווען אז "להחליפם באומה אחדת אי אפשר. איז דאך בנוגע צום עצם מציאות פון אידן - ניטא קיינע שינויים ח"ו. ווארום וויבאלד אז דער אויבערשטער האט זיך פארבונדן מיט אידן, זיי זיינען "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר", איז כשם ווי דער אויבערשטער איז א נצחי, אזוי זיינען אויך אידן נצחיים,

און די חילוקים ושינויים שבישראל זיינען בלויז בנוגע העלם וגילוי. וואס בזמן שביהמ"ק הי׳ קיים האט מען געזעהן בגילוי די עשרה ניסים שנעשו לאבותינו בביהמ"ק, משא"כ בזמן הגלות איז אותותינו לא ראינו ואין אתנו יודע עד מה.

און די הדגשה אין דערויף איז - אותותינו לא ראינו. ד.ה. אז אויך בזמן הגלות זיינען דא ניסים, ס׳איז מער נים וואס "לא ראינו", ווי די גמרא זאגט אין בעל הנס מכיר בנסו.

דאס הייסט, אז דאס וואס מען זאגט אז די שינויים (שבין זמן הבית לזמן הגלות) זיינען נאר בנוגע העלם וגילוי און נים בנוגע דעם מציאות פון אידן - מיינט דאס, אז אפילו אין דעם מציאות פון אידן ווי זיי זיינען באופן של נס איז ניטא קיין שינויים. ווארום אפילו דער ענין פון אידן (אז בא זיי איז דא דער ענין הניסים) איז גאנץ בזמן הגלות, ס׳איז מער נים וואס "אותותינו לא ראינו".

וואס דאס איז דער דמיון פון אידן צו לבנה, אז די שינויים שבישראל זיינען נאר בנוגע העלם וגילוי, בדומה להשינויים שבלבנה].

וואס פון דעם איז פארשטאנדיק, וכמבואר במפרשי הש"ס ובארוכה אין חסידות, אז דאס וואס איז דא א ליקוי בחמה ובלבנה איז עס מצד דעם שינוי שבאוה"ע ובישראל.

ובמילא קען מען נים ענטפערן תירוץ הנ"ל (אז בשעת אידן פירן זיך כדבעי זיינען דא ענינים המסתירים און מען זעהט נים דעם ליקוי הלבנה) - ווארום וויבאלד אז דער שינוי שבישראל דאס איז די סיבה אויף דעם שינוי שבלבנה, איז דאך מובן, אז בשעת אידן זיינען במצב של תכליה השלימות און אין זיי איז ניטא קיין חסרון, קען נים זיין קיין ליקוי (חסרון) אין די לבנה.

במילא בלייבט דאך די קשיא: וויבאלד אז ליקוי הלבנה איז אן ענין המוכרח ע"פ חוקי הטבע - ווי קען מען זאגן, אז דאס איז תלוי בהמצב דישראל?

כז. איז דער ביאור אין דעם:

אין טבע הבריאה זיינען אויסגעשטעלט פארשידענע סארטן זמנים.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 235 הודפס ע"י או

אזוי ווי למשל בנוגע לימוד התורה - איז דער זמן פון לילה מער מסוגל צו מצליח זיין אין לימוד התורה ווי דער זמן פון יום, ווי עס שטייט (הל' ה"ת לאדה"ז פ"ד ה"ח) "אע"פ שמצוה ללמוד ביום ובלילה אין אדם לומד רוב חכמתו אלא בלילה".

מיינט דאס ניט אז בא'יטאג קען מען ניט מצליח זיין אין לימוד התורה, ס'איז א דבר הפשוט אז אויך באייטאג, אויב ער וועט נאר הארעוועון אין תורה האט ער די הבטחה (מגילה ו, ב) אז בשעת "יגעתי" איז "ומצאתי". [וואס דערפאר איז אויך ביום, איז ער מחוייב צו לערנען און צו הארעוועון אין לערנען בכל רגע ורגע]. און דער חילוק פון יום ביז לילה איז נאר אז בלילה איז מער מסוגל צו הצלחה בתורה, און דעריבער איז ביום דארף מען האבן מער יגיעה.

וואס דאס איז ע"ד ווי בשעת אז איינער האט ניט קיין דעתא דצילותא קען ער ניט פסק'נען קיין דיין (עירובין סה, א. מגילה כח, ב). וואס דאס מיינט דאך ניט אז ער דארף ניט לערנען, דעס חיוב פון לימוד התורה האט ער אויך דעמולט, מ'זאגט נאר אז פסק'נען קען ער ניט.

ועד"ז אויבעט דאס וואס חכמי ישראל האבן געזאגט (מגילה יב, ב) אז "מיום שחרב ביהמ"ק כו' ניטלה עצה ממנו כו'", וואס דאס פטר'ט דאך ניט פון חיוב צו לערנען תורה.

כח. חילוק הנ"ל (צווישן זמן פון יום ביז זמן פון לילה) איז דאך בנוגע מער און ווייניקער (אז בלילה איז מער מסוגל וביום ווייניקער מסוגל) - ס'איז פאראן אבער אויך א חילוק אין זמנים בנוגע לענינים הפכיים, ווי די גמרא זאגט (תענית כט, א) "מגלגלין זכות ליום זכאי וחובה ליום חייב". וואס דערפאר איז "לשתמיט כיני' באב דריע' מזלי' ולימצי נפשי' באדר דבריא מזלי'" (שם ע"ב).

און אזוי ווי ס'איז דא חילוקים צווישן איין חדש מיט א צווייטן, אזוי זיינען דא חילוקים אין זעלבן חודש גופא צווישן ערשטן האלבן חודש ביז דעם צווייטן האלבן חודש (יו"ד סי' קעט ס"ב).

און אזוי זיינען דא חילוקים אויך אין ימי השבוע, אז יום השלישי שהוכפל בו כי טוב איז א מזל'דיקער טאג, משא"כ יום השני שלא נאמר בו כי טוב. ועד"ז אויך יום ד'. ביז אז ס'איז דא א פס"ד אין שו"ע (יו"ד שם) "נהגו שאין מתחילין בב' ובד'".

ועד"ז איז פאראן אויך חילוקים בנוגע צום זמן פון לידת האדם, אז די טבע ותכונות האדם זיינען תלוי אין דעם זמן שנולד, ווי די גמרא זאגט (שבת קנו, א) "האי מאן כו' יהי כו'", ווייל דער מזל פון יענעם זמן איז גורם.

דאס מיינט אבער ניט, אז דער זמן איז מכריח אז דער וואס איז געבארן געווארן בזמן זה זאל זיין באופן כזה וכזה - ווארום "רשות לכל אדם נתונה" צו זיין א צדיק אדער צו זיין דער היפך פון א צדיק (רמב"ם הל' תשובה פ"ה ה"א), און ס'איז ניט שייך צו זאגן אז "תולדתו תמשוך אותו לדבר שאי אפשר לזוז ממנו" (שם ה"ד) - און דאס וואס די גמרא זאגט "האי מאן כו' יהי כו'" איז עס נאר אז ער האט א "נטי' קצת" צו דעם (כמ"ש בלח"מ שם),

וכמבואר בארוכה בח"פ להרמב"ם פ"ח, אז הגם אז "אפשר לאדם שיולד בטבע מוכן למעלה או לחסרון" - איז דאס ניט סותר דעם ענין הבחירה, ווארום דאס וואס ער ווערט געבארן בטבע איז בלויז "מוכן למעלה" אדער

הנחה הה' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 236 הודפס ע"י א

"מוכן סרון", און די הכנה איז אים ניט מכריח. און דער חילוק איז נאר אז דער וואס איז בטבעו "מוכן למעלה" דארף ווייניקער הארעוועןן (און אויך ער האט א בחירה חפשית צו אויסקלייבן צו זיין דעם היפך פון א בעל מעלה. ס׳איז מער ניט, אז בשעת ער איז בוחר צו זיין א בעל מעלה, איז וויבאלד אז בטבעו איז ער מוכן צו דעם, דארף ער ווייניקער הארע-וועןן), און דער וואס איז בטבעו "מוכן לחסרון", דארף מער הארעוועןן.

[ואדרבה: וויבאלד אז בטבעו איז ער "מוכן לחסרון", און האט א "נטי׳ קצה" צו שלעכטע זאכן - איז דערפון גופא א ראי׳ אז מען האט אים געגעבן גרעסערע כחות (ווי מען האט געגעבן דעם וואס איז בטבעו "מוכן למעלה") ער זאל זיך קענען מתגבר זיין על טבעו. ווארום לפום גמלא שיחנא און אין הקב"ה מבקש אלא לפי כחן].

און אזוי ווי דער זמן שבו נולד האדם - אעפ"י אז דער לשון הגמרא (שבת שם) איז "האי מאן כו׳ יהי כו׳" - איז ניט מכריח את האדם צו זיין אזוי, ס׳איז מער ניט אז ער דארף האבן מער התגברות כו׳ (ובדוגמת וואס בכדי צו מצליח זיין אין תורה ביום דארף מען האבן מער יגיעה ווי בלילה, כנ"ל סכ"ז),

אזוי איז אויך בנוגע צו די אלע אנדערע חילוקים וואס איז פאר-בונדן מיט זמן (מצד דערויף וואס "מגלגלין זכות ליום זכאי והובה ליום חייב"), אז דער חילוק פון "יום זכאי" מיט "יום חייב" איז בלויז אז יום זכאי איז עלול אז אין אים זאל זיין אן ענין של זכוה און "יום חייב" איז עלול אז אין אים זאל זיין אן ענין של חוב. ס׳איז אבער מער ניט אז אין דעם טאג איז "עלול" עס זאל זיין אזוי, ס׳איז אבער ניט קיין דבר המוכרח. וואס דערפאר איז דאס וואס "אין מהחילין בב"ד" איז עס בלויז אין אן אופן וואס ס׳איז ניט בסתירה צו "אין מעבירין על המצוות". ועד"ז איז בנוגע צו אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט זמנים ומזלות - אז אויב ס׳איז נאר דא די ריכטיקע השהדלות, איז אפילו ביום חייב, קען מען אויך האבן הצלחה. און אזוי איז אויך בנוגע למזלוה, (וראה רש"י בא יו"ד, יו"ד).

כט. וע"פ כל הנ"ל מובן בפשטות וואס די גמרא זאגט (סוכה כט, א) "בזמן שהחמה לוקה סימן רע לעכו"ם, לבנה לוקה סימן רע לשונאיהם של ישראל" - אעפ"י אז ליקוי החמה והלבנה באותו הזמן איז א דבר מוכרח ע"פ חוקי הטבע *) - ווארום דער זמן שהחמה והלבנה לוקה איז

---

*) בספר יערות דבש ח"ב (דף טז, ב). שהכוונה בליקוי המאורות (בסוכה שם) היא לא להליקוי שמוברח מצד חוקי הטבע, כי אם לזה "שיש במאורות..העדר האור..וכמו שמצינו לפעמים כתמים שחורות וכדומה בשמש וירח..וזה אינו תלוי בחשבון וסיבה". אבל: (א) מי יודע עד"ז (הכתמים) שיהי׳ סימן? (ב) י"א (עהה) שגם בזה יש מחזור טבעי מחושב מראש. (ג) פירוש זה הוא היפך פשטות הענין, וגם היפך כו"ב מראשוני מפרשי הש"ס והמכילהא (כולל - אלה דשתקו ולא העירו כולם). (ד) גם באם נכילת הפנס מחושב מראש - ה"ז ישיבה בחשך. (ה) המבואר בהשיחה הוא - סוגיא שלימה בשבה קנו, א. הענין כט, ריש ע"ב. שו"ע יו"ד סקע"ט ס"ב. ועוד.

בספר ישועה לישראל על הל׳ קדה"ח בפכ"ז כתב שכוונה רז"ל (בסוכה שם) היא "שלפעמים יארע הליקוי בזמן שאינו ראוי להיות

הנחה הה׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 237 הודפס ע"י או

בלויז עלול **) אז אין דעם זמן זאל זיין א הנהגה לא טובה, ער איז אבער ניט מכריח את האדם, וואררום דער אדם האט בכח להתגבר אויף די עלולית ונטי׳ של אותו הזמן שמצד הטבע ***).

[ ובמילא, איז די קשיא דלעיל (סעיף כד) - וויבאלד אז דער ליקוי המאורות איז אויסגעשטעלט פון פריער, ווי איז שייך ער זאל זיין א סימן כו׳ - האט מלכתחילה קיין ארט ניט. אזוי ווי ס׳איז ניט שייך צו פרעגן אויף דעם חילוק שבין יום ב׳ ליום ג׳, פון דעם וואס דער חילוק שביניהם (וואס יום השני לא נאמר בו כי טוב, ויום השלישי הוכפל בו כי טוב) איז אויסגעשטעלט פון ששת ימי בראשית ].

און דאס (שכוונת הגמרא שם היא רק שהזמן דליקוי החמה והלבנה הוא רק מושך את האדם אבל אינו מכריח) איז מוכרח פון די גמרא גופא: די גמרא דארט איז מסיים "ובזמן שישראל עושין רצונו של מקום אין מתייראין מכל אלו שנאמר כה אמר ה׳ אל דרך הגוים אל הלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה, עכו"ם יחתו ואין ישראל יחתו". ולכאורה: וויבאלד אז בזמן שהלבנה לוקה איז א סימן רע - פארוואס "מאותות השמים אל תחתו"? וע"פ הנ"ל מובן בפשטות: דער זמן דליקוי הלבנה איז בלויז מושך (אבל אינו מכריח) צו אן ענין בלתי רצוי, און דאס וואס ער איז מושך איז עס נאר מצד הטבע - און בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, זיינען זיי העכער פון די טבע (דאותות השמים), און דעריבער איז "אין מתיידאין מכל אלו..מאותות השמים אל תחתו".

וגם העכו"ם - מכיון שגם הם (אף שאין בהם אפיתיה ענין הבחירה) אין נענשים באם לא חטאו מעצמם תחלה (רמב"ם הל׳ תשובה פ"ו ה"ג) - צריך לומר, שגם בזמן שהחמה לוקה ביכלתם להתגבר כו׳. אלא שאעפ"כ "יחתו הגוים מהמה" וצריכים להשתדל כו׳ לבטל כו׳. משא"כ ישראל (בזמן שעושין רצונו של מקום) "אין מתייראין (אפילו) מכל אלו..מאותות השמים אל תחתו", שאין צריכים אפילו להשתדלות כו׳, היינו: שיכול להתחיל בב"ד וכיו"ב. ועד ע"ד רחב"ד (ברכות לג, א), וע"ד שצדיק גמור מותר להתגרות כו׳ (מגילה ו, ב).

---

כפי מהלך הגלגלים, ואז הוא ראי׳ שאינה אלא להורות פורעניות בשביל דברים הללו וכו׳". אבל - נוסף על מ"ש (ג-ה) - הנה, (א) מהי קרה כזה? (ב) הרי הסיבות שבש"ס "על אב"ד וכו׳" - ודאי שאירעו כו"כ פעמים.

**) ומ"ש בסוכה שם "בשביל ארבעה דברים כו׳" - הכוונה בזה, שאותו הזמן מושך (אבל לא מכריח) ארבעה דברים אלו, ובשביל ארבעה דברים אלו (שיש להם משיכה באותו הזמן) מאורות לוקין.

***) ועפ"ז יומתק הדיוק (בסוכה שם) "אמר לעבדו טול פנס כו׳" - כי קאי על הטבע.

הנחה הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 238 הודפס ע"י

און בשעה אז אידן שטייען אין א מצב פון בחקותי הלכו גו׳ - איז בשעת עס קומט א זמן וואס מצד הטבע איז מוכרח עס זאל זיין ליקוי הלבנה, איז לכל לראש מאכט דער אויבערשטער עס זאלן זיין ענינים שיסתירו את הליקוי, בכדי צו פארשפארן עגמ"נ. נאר היות אז מצד החשבון ווייס מען דאך פארט אז בזמן זה איז געווען א ליקוי - איז עס א הוראה, אז עס דארף זיין א הוספה וההגברוה אין עבודה ה׳.

ל. מהנ"ל קען מען אפלערנען אויך אויף אלע אנדערע מאמרי חז"ל וכו׳ אויף וועלכע מען פרעגט "קשיות" - אז ס׳איז זיכער דא א תירוץ אויף דעם. און אפילו ווען מען האט ניט קיין תירוץ - איז צו פועל ממש האט עס קיין שייכות ניט.

ובמכ"ש פון דעם וואס אפילו קשיות וועלכע עס האבן געפרעגט גדולי ישראל אויף די פסקי דינים פון ראשונים וכו׳ - אז אפילו ווען מען איז געבליבן בא א קשיא, איז אבער בנוגע למעשה האט מען געטאן כפסקי הראשונים,

ביז אפילו א "קשיא" וואס די גמרא פרעגט - איז אויב נאר די גמרא זאגט אז אזוי איז די הלכה, איז אעפ"י אז די גמרא פרעגט א קשיא אויף די הלכה, און די גמרא איז מסיים "קשיא" (אז ס׳איז ניטא קיין תירוץ אויף דעם), איז בנוגע למעשה טוט מען ווי די הלכה,

ועאכו"כ בשעה אז די "קשיא" קומט פון דעת נפש השכליה ווי זי איז פארבונדן מיטן נפש הבהמיה (וכאמור לעיל סכ"ד, אז כיט די "קשיא" וויל ער בארעכטיקן די תאוות של נפשו הבהמית) - איז דאך זיכער, אז אפילו ווען ער האט נאך ניט קיין תירוץ, איז צו פועל ממש האט עס קיין שייכות ניט.

ויהי רצון עס זאל זיין ירבה כי הדעה הטהור, וואס אין כיט אלא תורה (וואס דער טעם דערפון וואס תורה נמשלה למים איז ווײַלע מה מים ירדו ממקום גבוה למקום נמוך כך התורה כו׳ - חסר לאיזה עניך נאכר זה), ביז עס וועט זיין מלאה הארץ דיעה את הוי׳ כמים לים מכסים.

* * *

לא. אמר המאמר (בעין שיחה) ד"ה ועתה יגדל נא גו׳.

* * *

לב. ס׳איז דאך רגיל צו מבאר זיין א פירוש רש"י פון די סדרה, אויך אן ענין אין ביאורי הזהר (לקוטי לוי"צ), און בשבתים אלו - לויט דעם מנהג וואס דער אלטער רבי ברייגנגט בסידורו אז יש נוהגין לומר פרקי אבות בכל שבתות הקיץ - אויך א משנה אין מס׳ אבות, וואס דער פרק וועלכן מען זאגט היינטיקן שבת איז פ"ג.

- איז בנוגע צו פירוש רש"י, וועט מען זיך אפשטעלן אויף קאפיטל י"ד פסוק ט׳ [ ואעפ"י אז "קאפיטעל" איז ניט קיין אידישער ווארט וכו׳ - זעט מען אבער, אז דער צ"צ נוצט בכ"מ, ובפרט אין זיינע רשימות, דעם לשון קאפיטעל ]. ואעפ"י אז בכמה שנים קודם (ש"פ שלח תש"ל) האט מען שוין מבאר געווען די רש"י - זיינען אבער געבליבן כמה ענינים וועלכע זיינען ניט פארשטאנדיק, כדלקמן.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 239 הודפס ע"י או